# די שטערן אַליין

— פֿון לייבל באַטווינִיק

מדינת ישׂראל שיקט אַרויס אין קאָסמאָס די ערשטע הימלשיף וואָס זאָל דערגרייכן די ווײַטע שטערן אין אוניווערס, און דערבײַ צוגרייטן דעם וועג פֿאַר אַנדערע. 150 נפֿשות — וויסנשאַפֿטס-מענטשן מיט זייערע פֿרויען און קינדער — שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלן עקיפּאַזש פֿון ייִדן פֿון ישׂראל, קאַנאַדע, פֿראַנקרײַך, רוסלאַנד, אַמעריקע, און נאָך לענדער. זיי פֿליען פֿאָרויס אין זייער וויכטיקער שליחות, מיט שטאָלץ, מיט מוט — און מיט אַ שמייכל.

צו ערשט מאַכן זיי אַ פּלי-פּראָבע צום פּלאַנעט יופּיטער, כּדי אויסצופּרוּוון די נײַע שיף „שלום-עליכם א׳ " מיט די נײַע אינסטרומענטן. אויפֿן יופּיטער דערוואַרט זיי אַן אומגעריכטע דערשײַנונג.

ייִדישע שרײַבערס ! — טוט אַלץ וואָס איז אין אײַערע כּוחות, אַז אײַערע קינדער און אייניקלעך זאָלן קענען לייענען אײַערע ווערק אין ייִדיש!

## קאַפּיטל א׳ אַ ירושה פֿון דור-דורות

אברהם-בערל בר כּוכבא שטייט בײַם פֿענצטער, קוקט אַרויס און זעט פֿאַר זיך זײַן חלום — און דער חלום פֿון דור-דורות מענטשן — פֿאַרווירקלעכט. דאָס דערגרייכן די שטערן אין הימל איז שוין מעגלעך, און ער וועט זײַן צווישן די ערשטע אַהין אָנצוקומען.

ער, אברהם-בערל בר כּוכבא, דער יונגער קאַפּיטאַן פֿון דער נײַער ישׂראלדיקער הימלשיף „שלום-עליכם א׳ ", האָט דורכצופֿירן אַ הייליקע שליחות פֿאַר דער מענטשהייט און פֿאַרן ייִדישן גורל. און ער איז גרייט אויף דעם.

— „צינדט אָן די מאָטאָרן, געפֿינט אײַערע ערטער צו זיצן, און בינדט זיך גוט צו!" — גיט ער אַ באַפֿעל. — „מיר פֿליען איצט צום יופּיטער און דערנאָך צו די שטערן אַליין." און ער גיט צו שטילערהייט — „מיט גאָטס הילף; דאָס וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן אונדזערע אָבֿות וועט איינגיכן דערגרייכט ווערן".

✡

✡ ✡

ווען ס׳איז געשלאָסן געוואָרן דער הייליקער בונד צווישן גאָט און אברהם אבֿינו, האָט אים גאָט געזאָגט:

— „קוק זיך אַרום. אַלץ וואָס דײַן בליק וועט דערגרייכן, דאָס גיב איך דיר און דײַן פֿאָלק... דײַנע קינדער וועלן זיך פֿאַרמערן און זײַן ווי די שטערן אין הימל!"

דאָס איז טאַקע געווען גוטע לאַנד, אָבער אברהם האָט ניט געקענט באַגרײַפֿן גאָטס וואָרט. אמת, זײַן שבֿט איז נאָך אַ קליינער; אָבער ווען דער שבֿט זײַנער וועט ווערן אַ גרויס פֿאָלק, וועט דאָס לאַנד וואָס ער קען זען מיט זײַן אויג זײַן צו קליין... זײַן קאָפּ עטוואָס אַראָפּגעלאָזן, האָט ער זיך ניט גערירט פֿון אָרט, נאָר זיך פֿסדר אַרומגעקוקט.

עס איז שוין געווען פֿאַרנאַכט, די זון איז שוין געהאַט אַרונטערגעגאַנגען, דער הימל איז געווען אַ קלאָרער, און די לבֿנה האט זיך ערשט אָנגעהייבן זען.

אברהם אבֿינו האָט אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ און געווענדט זײַן בליק צום הימל און דאָרט געזוכט אַן ענטפֿער — כאָטש אַ סימן.

מיטאַמאָל האָט ער אַ לײַכטן ציטער געטאָן און געגעבן אַ שמייכל פֿון פֿאַרשטאַנד:

— אַהאַ! די שטערן אַליין האָט גאָט אים מיט זײַן פֿאָלק צוגעזאָגט, — די שטערן אַליין...

✡

✡ ✡

— „פֿאַרוואָס אָבער יופּיטער?", האָט מען פֿסדר געטענהט, „דאָרט איז וויסט און מיר וועלן פֿאַרלירן צײַט פֿון אונדזער רײַזע צו די שטערן".

איז געקומען אַן ענטפֿער: — ערשטנס, איז מען דאָרט נאָך קיינמאל ניט געווען ווײַל ס׳האָט פֿריער ניט געלוינט; און צווייטנס, וועט איר קענען אויספּרוּוון אַלע אײַערע אינסטרומענטן בעתן לאַנדן אויפֿן יופּיטער, און ס׳איז ניט ווײַט פֿון דער היים — פֿון אונדזער ערד...

לעצטנס האָבן אונדזערע סאַטעליטן מיט נײַע און בעסערע פֿאָטאָגראַפֿישע אַפּאַראַטן און טעלעסקאָפּן דערשפּירט דאָרטן אַן אינטערעסאַנטע סטרוקטור, און מען וויל זיך דערוויסן מער וועגן דעם"...

אַראָפּלאָזנדיק זיך אויפֿן פּלאַנעט יופּיטער איז געווען אַ גרויסע ריזיקע, נאָר די ייִדישע טעכניקער זײַנען גרייט געווען אויף אַלצדינג און האָבן גובר געווען אַלע שוועריקייטן.

— „און איצט," זאָגט אברהם-בערל, — „שלמה און חיים, טוט אָן אײַערע קאָסטיומען און קומט מיט מיר. און דו,

(המשך אויף זײַט 22)

(המשך פון זײַט 17)

משה־זכריה, נעם איבער ביז וואַנען איך קום צוריק. איך האָב מיט די בינאָקלען געזען אָט די סטרוקטור וואָס אַלע ווילן זען. און זי זעט פונקט אויס ווי אַ מין בנין, געבויט פון מענטשן."...

דעם הויכן משה־זכריה, דעם קאַבאַ־ליסט, און נאַטור־וויסנשאַפטסמאַן ציט אין האַרצן מיטצוגיין, נאָר ער ווייסט אַז ער מוז פאָלגן.

אברהם־בערל, מיט זײַנע צוויי באַ־גלייטערס, אַנגעטאָן אין די שווערע און אומבאַקוועמע קאָסטיומען, קומען צו נענטער צו אַ בנין מיט אַן אָפענער טיר. אינעווייניק איז ליידיק אַ חוץ נאָר וואָס עס שטייט אין טיש. אויפן טיש ליגט אַ בוך מיט אַ צעטל געשריבן אויף ייִדיש. די דרײַ אַסטראָנאָטן בלײַבן שטיין ווי פאַרפּישופט, דאָס האַרץ קלאַפּט בײַ יעדן אײנעם, און דאָס בלוט לויפט אַרויף אין מוח. אָנגעשריבן איז דאָרט: „זײַט געגריסט ! איר זײַט ניט די ערשטע צו קומען אויף דעם פּלאַנעט ! ליינט איבער תיכף דאָס בוך, וועט איר וויסן פאַרוואָס מיר זײַנען גע־קומען אַהער, און פאַרוואָס מיר מוזן באַלד פאַרלאָזן יופּיטער."

(המשך אין קומענדיקן נומער.)